# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת שלח | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידותא

**שלח לך וגו' אשר אני נותן לבני ישראל:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס עס שטייט די ווערטער **אשר אני נותן לבני ישראל** וואס איז לכאורה איבריג? ווי אויך דארף מען פארשטיין ווי אזוי עס קען זיין אז אזעלכע צדיקים ווי די מרגלים, האבן געקענט אזוי שנעל נתהפך ווערן פון איין מינוט אויף די צווייטע צו רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל.

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** (ביי די פייערדיגע דרשה ביים התייסדות קרן הצלה א' שלח תשל"ח) לויט דעם וואס עס שטייט אין ספה"ק **צמח ה' לצבי** אז דאס וואס די גוים וואוינען אין ארץ ישראל, און זיי בויען דארט אויף זייערע תיפלות, דאס איז נישט אויף די אמת'ע ארץ ישראל, דאס הייליג לאנד וואס השי"ת האט געגעבן פאר אידישע קינדער, ווייל ארץ ישראל פארטראגט נישט קיין טומאה, נאר עס קומט א רצועה של ארץ העמים, א שטיק גוי'איש לאנד, און דאס הייליגע ארץ ישראל בייגט זיך איין און רוקט זיך אוועק פון דארט עכ"ד. דעריבער ווען מען גייט קיין ארץ ישראל דארף מען זייער אכטונג געבן אז מען זאל נישט האבן קיין שלעכטע מחשבות און כוונות, וואס דאס קען גורם זיין אז דאס הייליגקייט פון ארץ ישראל זאל אוועקגיין.

דער רמ"ע **מפאנו** זאגט אויפן פסוק **ויאמר ה' אל השטן יגער ה' בך השטן ויגער ה' בך הבוחר בירושלים**, אז דער שטן פארלייגט זיך דאס מערסטע אויף ירושלים צו מאכן דארט זינדיגן ווייל דאס איז די הייליגסטע פלאץ. דאס איז געווען די סיבה הגם די מרגלים זענען געווען צדיקים, אבער וויבאלד זיי זענען געגאנגען קיין ארץ ישראל, האבן זיך דער שטן זייער שטארק מתגבר געווען אויף זיי, און זיי געמאכט זינדיגן.

און דאס זאגט דער פסוק **אשר אני נותן לבני ישראל** ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן גיין דוקא קיין אר"י וואס דער אייבערשטער גיט פאר די אידן, וואס דאס איז נאר ווען מען פירט זיך אויף בקדושה ובטהרה, ווייל אויב מען איז ח"ו פוגם בקדושת ארץ ישראל גייט אוועק די קדושה פון ארץ ישראל, און עס קומט א רצועה פון די גוי'אישע לענדער, ווענן דעם האבן די מרגלים טאקע נישט זוכה געווען צו זעהן קדושת ארץ ישראל, און דעריבער האבן זיי גערעדט שלעכטס.

## דרש דרש

**וישלח אותם משה וכו' כולם אנשים: זאגט** רש"י ואותה שעה כשרים היו.

אין ספר **פני ארי'** זאגט ער בשם **הגאון ר' יצחק הורוויץ** ז"ל מסביר צו זיין אז **ואותה 'שעה'** מיינט טאקע אז עס איז געווען איין שעה וואס די מרגלים זענען געווען ערליך. ווייל מיר זעהן אז די מרגלים האבן באקומען אן עונש פון **'יום לשנה'**, פאר יעדן טאג וואס זיי זענען געווען אין ארץ ישראל, האט מען געוואנדערט נאך א יאר אין מדבר, קומט אויס אויב א טאג האט 24 שעה, האט מען פאר יעדע איינציגע שעה באקומען אן עונש 15 טעג אין מדבר (ווייל א יאר האט צוועלף חדשים, און 24 האלבע חדשים, און 15 טאג איז א האלבע חודש).

פאר רש"י איז שווער געווען אז לכאורה זענען אידן נישט געווען אין מדבר קיין גאנצע פערציג יאר, ווייל זיי זענען ארויס פון מצרים י"ד ניסן און זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל י' ניסן, קומט אויס אז עס פעלט פיר טעג פון די פערציג יאר, אויסער דעם דארף מען נאך אראפרעכענען די עלף טעג וואס דער וועג וואלט סייווי גענומען, ווי דער פסוק זאגט **"אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר עד קדש ברנע"**, קומט אויס אז עס פעלט פופצן טעג פון דעם עונש פון פערציג יאר.

אויף דעם זאגט רש"י **"ואותה שעה כשרים היו"**, יענע שעה זענען זיי נאך געווען ערליך, ממילא אז

## מעשה רב

### דער ה' בלייבט אויפן ארט

עס איז געווען אמאל ווען די ראשי הקהלה אין שפיטיווקע האבן פארברייטערט דאס געבוי פונעם בית המדרש פון די מזרח זייט, אזוי אז עס איז אויסגעקומען אז מען האט צוגעלייגט בענק אויפן מזרח וואנט, און די בעלי בתים וואס זענען געזעסן אויבנאן ביז היינט זענען אוועקגערוקט געווארן פון זייערע פלעצער.

די בעלי בתים האבן גערופן די ראשי הקהלה צו דין תורה ביים רב, **הרה"ק ר' יעקב שמשון משפיטיווקא זי"ע**, מיט די טענה אז זיי האבן געקויפט די זיצן ביים מזרח וואנט, און אז מען האט פאראויס גערוקט די וואנט צו די מזרח זייט, דארפן זיי ווייטער זיצן אויפן מזרח וואנט, און די נייע שורות זאל מען לייגן שפעטער.

האט דער רב אריינגעטראכט אין זייערע ווערטער און ער האט געזאגט אז דער פסק שטייט קלאר מפורש אין מדרש, ווייל דער מדרש זאגט אז ווען משה רבינו האט געגעבן א נאמען פאר הושע בן נון, יהושע, איז געקומען דער **ה'** מיט א טענה צו הקב"ה אז ביז יעצט איז זי געווען די ערשטע אין די רייע פונעם צדיק'ס נאמען, און יעצט האט מען איר אוועקגערוקט פון איר ארט, איז אבער געווען די תשובה אז זי איז נישט גערעכט, ווייל דער ה' איז געבליבן אויף איר ארט, מען האט נאר צוגעלייגט דעם אות פארן ה', דעריבער קען זי נישט האבן קיין טענה אז מען האט איר עפעס אוועקגענומען.

"די זעלבע זאך איז דא ביי אייך" האט רבי יעקב שמשון אויסגעפירט "ווען מען וואלט ווען אוועקגערוקט אייערע זיצן פון זייער ארט, וואלט איר געקענט האבן טענות, אבער אז מען האט נאר צוגעלייגט פריער, דאס איז נישט קיין טענה.

### ה' אלקיכם אמת

עס ווערט דערציילט אז א ת"ח האט געפרעגט דעם **בעל התניא** אלס קינד "זאג נאר שניאור זלמן, וואו אין די תורה איז דא א פסוק וואס הייבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט די זעלבע 3 ווערטער?

האט ער תיכף געענטפערט "דארט וואו משה רבינו האט נישט געזאגט אמת!..."

אלע זענען פארוואונדערט געווארן הערענדיג די מאדנע תשובה.

האט דאס קינד מסביר געווען אז דער לעצטער פסוק אין פרשת שלח, הייבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט די ווערטער **"אני ה' אלקיכם"**, אבער ווען מיר זאגן קריאת שמע זאגן מיר נאכדעם אמת, אבער משה רבינו האט נישט געזאגט אמת, מילא ענדיגט זיך דאס די זעלבע.

איין שעה זענען זיי נאך געווען ערליך דארף מען אראפנעמען פופצן טאג פונעם עונש.

*

**ויקרא משה להושע בן נון יהושע:** עס שטייט אין **תרגום יונתן** אז ווען משה רבינו האט געזעהן דאס עניוות פון יהושע בן נון האט ער אים אנגערופן יהושע.

זאגט דער **חתם סופר** פשט, ווייל עס זענען דא צוויי טעמים פארוואס יהושע בן נון האט אזוי געהייסן **בִּן נון** מיט א חיריק, א) ווייל ער האט זיך מתבונן געווען אינעם **'שער נו"ן'**, וואס דאס איז גאר א הויכע מדריגה, און 'בן נון' איז טייטש אז ער האט זיך מתבונן געווען אין נו"ן. ב) ווייל די י' וואס מ'האט געגעבן פאר **יהושע** דאס איז דער י' וואס מ'האט געהאט אוועקגענומען פון **שר"י**, אבער די י' פון שרי האט נישט געהאט קיין נקודה, און ביי יהושע האט דאס באקומען א שו"א, ממילא האט מען געמוזט אוועקנעמען צוויי נקודות פונעם סגו"ל פון **בִּן**, און דאס צולייגן צום שו"א פון יהושע, ממילא איז דארט געבליבן א חיריק.

קומט אויס אז ווייל משה רבינו האט אים צוגעגעבן דעם י' צו יהושע האט מען געדארפט צולייגן די שו"א, און וועגן דעם איז געווארן א חיריק ביי "בן", קומט אויס אז דאס האט געמאכט א חסרון פאר יהושע, ווייל דער חיריק ווייזט מער נישט אויף זיין מדריגה אז ער האט מתבונן געווען בשער הנ', און אפשר וועט אים דאס ווי טון, וועגן דעם זאגט דער תרגום אז ווען ער האט געזעהן זיין עניוות און ער האט פארשטאנען אז דאס וועט אים נישט שטערן, האט ער אים גערופן יהושע.

## מילי דרמיזא

**דער חתם סופר זי"ע זאגט אז די ס"ת פון של'ח ל'ך אנשי'ם איז חכ"ם, און פון אנשי'ם ויתיר'ו א'ת, איז מו"ת.**

**דער מדרש רופט אן די מרגלים 'כסילים', ווייל זיי זענען ווען קלוג וואלט מען ווען געקענט נוצן דעם ם' פון אנשים פאר חכ"ם, דערווייל האבן זיי דאס גענוצט פאר מו"ת.**

**האט מיט דעם געטייטשט דער רבי מרן בעל ברך משה זי"ע דעם פסוק "לב חכם לימין ולב כסיל לשמאל", ווען זיי זענען ווען חכמים וואלטן זיי ווען געגאנגען מיט די ס"ת אויף רעכטס וואס וואלט געמאכט חכ"ם, אבער וויבאלד זיי זענען געווען כסילים זענען זיי געגאנגען לינקס וואס מאכט מו"ת.**

# בפרדס הפרשה

## מצות ציצית

מיר לערנען די וואך אין די סדרה א הייליגע און חשוב'ע מצוה, די מצוה פון **ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם.**

ווי אזוי און מיט וואס איז מען מקיים מצות ציצית?

אין **שו"ע** (או"ח סי' ט) זאגט דער מחבר אין חייב בציצית מן התורה אלא בגד פשתים או של צמר רחלים אבל בגדי שאר מינים אין חייבים בציצית אלא מדרבנן, אז נאר א בגד פון וואל אדער לינען איז מחויב בציצית מה"ת, און אלע אנדערע בגדים זענען נאר מחויב בציצית מדרבנן.

דער **מחבר** נעמט אן וואס די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף כ"ז ע"ב) אז תנא דבי ר"י לערנט ארויס, וויבאלד די תורה האט דא נאר געזאגט סתם בגדים, און ביי נגעים האט די תורה ארויסגעזאגט **צמר ופשתים**, לערנט מען ארויס פון דארט אויף כל התורה כולה, אז איבעראל ווי עס שטייט **בגדים** מיינט מען צמר ופשתים.

דער **רמ"א** נעמט אן דעם דעת יש אומרים אז אלע בגדים זענען מחויב מיט ציצית מן התורה.

דער **מחבר** זאגט ווייטער (סעיף ו) אז לויט איין דעה איז מען נישט יוצא די מצוה מה"ת מיט א טלית של פשתן (קאטן) אבער אפילו מען פסק'עט נישט ווי די דעה, ירא שמים יצא את כולם ועושה טלית של צמר שהוא חייב בציצית מן התורה בלי פקפוק, א ירא שמים לאזט זיך נישט אריין אין קיין שאלות און ער נעמט א וואלענע ציצית, כדי ער זאל יוצא זיין די מצוה מן התורה.

אזוי אויך שרייבט דער **שו"ע הרב** (סע' ד) לכן הרוצה לקיים מצוה זו מן המובחר יזהר שיהיה לו טלית גדול וטלית קטן של צמר לבן, ובזה מקיים מצוות ציצית בלי שום פקפוק.

דער **ב"ח** (וכן הובא בעטרת זקנים בתחילת הסי') שרייבט בזה"ל "ולפי"ז בזמן הזה אין לעשות שום ציצית אלא של צמר בשל צמר, אבל זולת כל זה הוי ברכה לבטלה וכו' ואע"ג נמי גאונים דפליגי עליה ירא שמים יוצא ידי כולם ואינו מברך אלא על ציצית של צמר בצמר.

דער **מחבר** פסק'ט (ס"ג) אז ציצית דארף זיין די זעלבע מין פונעם בגד, אויב האט ער געלייגט אויפן בגד ציצית פון א צווייטע מין, פטר'ט עס נישט, אבער ציצית פון וואל פטר'ט יא אלע בגדים.

דער **מגן אברהם** זאגט אבער אז ס'איז דא א דעה אז ביי א בגד של משי איז מען נישט יוצא אויב די ציצית זענען פון צמר, ווייל ער האלט אז דאס וואס די גמרא זאגט אז צמר ופשתים פטר'ט בין במינם בין שלא במינם איז דוקא ווען ס'איז דא צמר ופשתים יחדיו, אבער היינט אז ס'איז נישטא קיין תכלת, איז דאך ציצית נישט קיין כלאים ביי א בגד של משי דארף מען אויך האבן ציצית של משי.

שרייבט דער **מגן אברהם** (סק"ז) ולא יסמוך על זה רק יעשה טלית קטן שכולו צמר מלמטה כדי לצאת בו ובזה יתנאה למעלה".

עס איז דאס ארט מעתיק צו זיין וואס דער **פלא יועץ** (ענין פסח) ברענגט א משל ווען א מענטש איז ווען שטארק קראנק און עס זאלן קומען 99 דאקטורים און זיי זאלן זאגן אז א געוויסע מעדעצין איז גוט פאר זיין רפואה, אפילו עס איז דא א בעסערע מעדיצין. און עס וועט קומען נאך א דאקטער און ער וועט זאגן אז יענע מעדיצין איז נישט גוט, עס קען אפילו שאטן צו זיין געזונט, נאר די אנדערע מעדיצין דאס איז גוט און נאר דאס וועט אים היילן, וואלט ווען געווען א נאַר וואס וואלט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון דעם דאקטער?! וואלט ווען געווען איינער וואס וואלט געזאגט ,די אנדערע דאקטורים זאגן דאך אז מ'קען געזונט ווערן אויך מיט די אנדערע מעדיצינען, און מ'דארף זיך נישט וואוסענדיג מאכן פונעם גרויסן דאקטער?!

די זעלבע זאך ווען עס קומט צו זהירות אין מצות, עס זענען דא ערליכע אידן וואס זענען מחמיר מיט פארשידענע חומרות, און זיי האלטן אז אנדערש איז דא א פראבלעם צי מען איז אזוי יוצא די מצוה, ווער זאל זיין א נאַר און זאגן עס זענען דאך דא מקילים, און מען קען זיך דאך פארלאזן אויף זיי אויך.

אט דער משל זאגט גאר אסאך פאר אונז בנוגע דאס גיין מיט א טלית קטן של צמר.

*

**טייערע תלמידים! יונגע בחורים וואס זענען יעצט אריינגעגאנגען לעול התורה והמצוות!**

דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן א חשוב'ע און טייערע הייליגע מצוה פון ציצית, ער האט אונז באפוילן צו מקיים זיין די מצוה א גאנצן טאג, וואו מיר גייען און וואו מיר שטייען. און ער האט קלאר ארויסגעשריבן אין די תורה אז די מצוה האט אין זיך א געוואלדיגע סגולה מציל צו זיין דעם מענטש פון אלע עבירות, דורך דעם וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם, און עס זענען דא אומצאליגע מאמרי חז"ל וואס דערציילן אונז ווי אזוי די הייליגע ציצית האבן באשיצט אויפן אידישע קינדער פון אלע צרות בגשמיות וברוחניות, און עס איז כמעט נישטא א מצוה וואס זאל זיין מסוגל צו אזויפיל גוטע זאכן ווי די הייליגע ציצית!

שטעלט זיך יעצט א שאלה, פארוואס אז עס זענען דא א ריי מיט גוטע דאקטורים – די גדולי הפוסקים – וואס שטייען און זאגן אז עס איז דא דיעות אז מען איז נישט יוצא מצוות ציצית אויף א טלית קטן של פשתן, אויף א ציצית פון קאטן איז מען נישט מקיים די מצוה מן התורה, פארוואס זאלן זיין בחורים וואס זאלן זיין אזוי גלייכגילטיג דערצו, און נישט אנטוהן א וואלענע ציצית וואס דאס איז לכתחילה לויט אלע פוסקים?!

פארוואס אויב אזעלכע גרויסע לייבן, אזעלכע גרויסע פוסקים שרייבן אז א ירא שמים זאל אנטון א טלית קטן של צמר, פארוואס זאל א חסיד'ישער בחור נישט טון אזוי, ווי די פוסקים רופן אן ירא שמים?!

עס איז וויכטיג צו נעמען אין באטראכט, עס איז נישט קיין שום פארגלייך פון א בעל הבית וועלכער מאכט יעדן טאג א ברכה להתעטף בציצית אויף א וואלענעם טלית גדול, וואס אויב ער איז זיך מקיל צו גיין אין א קאטענע ציצית קען ער כאטש מאכן די ברכה אויפן טלית, צו א בר מצוה בחור וועלכער איז יוצא די מצוה און ער מאכט די ברכה נאר אויף א טלית קטן!

**למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים לאלקיכם!**

רש"י זאגט אויפן פסוק וזכרתם את כל מצות ה' "שמנין גימטריא של ציצית שש מאות ושמונה חוטים וחמשה קשרים הרי תרי"ג", די ציצית האט פינף קניפן.

צווישן די קניפן איז דא כריכות ווען איין לאנגער פאדעם לויפט רונגם די אנדערע פעדימער, ביים ערשטן קשר איז דא 7 כריכות, ביים צווייטן איז דא 8 כריכות ביים דריטן 11 און ביים פערטן 13.

בשעת ווען מען בינדט די ציצית דארף מען אינזינען האבן אז מען בינדט "לשם מצות ציצית" מען פירט זיך אז מען רעדט נישט אויס די גאנצע צייט, און מען האט אינזינען דעם שם י–ה–ו–ה און אח"ד. ווי פאלגענד.

בשעת דרייען די ערשטע 7 כריכות ציילט מען פון א' ביז ז', און מען מאכט צוויי קניפן, דאן ציילט מען ווייטער פון ח' ביז י', און מען הייבט אן נאכאמאל פון א ביז ה', וואס אינאיינעם איז דאס 8 כריכות, און מען מאכט 2 קשרים, דאן ציילט מען פון א' ביז ו' און נאכאמאל פון א' ביז ה' וואס דאס איז 11, און דאן מאכט מען 2 קשרים, דאן ציילט מען א' און דאן פון א' ביז ח' און נאכאמאל פון א' ביז ד', וואס דאס איז 13.